# Digitales Brandenburg

## hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


## Zaṿl rimer

### Menaḥem
### מנחם

**Ṿarshe, 1923**

דאָס עלפטע קאַפּיטל

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8195**

Visual Library

## דאָס עלפטע קאַפּיטל

דאָס גאַנצע יאָר דערנאָך ביז וואַנען ס׳פּרצמדע מיליטער
איז אָפּגעטרעטן נישט צוריקצוקומען מער, האָט זאַוול
געלעבט אין אַ פאַרשכּורונג פון שווערער מי. אַריינגעוואָרפן זיך
אין אַרבעט מיטן אימפּעט פון אַ שלעגער אין געראַנגל,
וואָס גייט אויף בייצוקומען, און אַז דאָס געפיל פון בייקומען
האָט שוין מיט שטאָלץ באַפאַרבט די מידקייט פון דער מי,
איז מי אַליין געוואָרן אַ באַפרידיקונג. צוערשט געשלעפּט
פון צווישן חורבות אָפּגעברענטע קלעצער, ברעטער, שטיין
צו דעם באַראַק, וואָס מ׳האָט גענומען אויפשטעלן דערווייל
פאַר די, וואָס אָן אַ היים. געשלאָגן טשוועקעס
פון אָנהויב אין די זעלבע אָפּגעברענטע ברעטער — און דערנאָך,
וואו ס׳האָט זיך שוין געמאַכט. אַ האַנט געוואָרן
ביי יעדן הויז, וואָס מ׳האָט פאַרריכט אָדער געבויט,
און אַז דער טעסליער האָט אים צוגעלאָזט צו דער מלאכה,
האָט שוין דער מולער אויך גערופן אים צו הילף,
און זאַוול האָט געגראָבן און געהעבליעוועט, געטונקט, געקאַלכט
און זיך גענערט פון שיסל זופּ מיט ברויט, וואָס מ׳האָט געטיילט
אין קיך ביי קהל. אין מיטן אַלע מלאכות אָפּגעלאָזט
און זיך געשטעלט פאַר אַ משרת אין דער קיך: געשפּאָלטן האָלץ,
געטראָגן וואַסער, אומגעגאַנגען מיטן קעסעלע געקעכץ
באַטיילן די חולאים אין די בתּי־מדרשים און די הייזער,
ביז וואַנען ס׳איז אַ ייד געקומען ערגעץ פון דער פרעמד

און זיך גענומען צושאַרן צום קיך, האָט זאַוול חיה ריוועס
געלאָזט ביים קוימען אין דער קיך, דעם פרעמדן ייד—ביים קעסעלע
אַרומצוגיין איבער די הייזער, און אַליין ווי פריער
גענומען אַרבעטן אויף אַלע כּלים. איז אַוועק אַזוי דער זומער,
אַוועק דער ווינטער אויך. פון אַלע די, וואָס זענען גלייך מיט אים
אַהיים געקומען, האָט שוין קיינער נישט גענעכטיקט אין בית מדרש:
אַוועק אין הייזער, האַלב־פאַרריכטע, אין באַראַקן און געלאָזט
דעם פלאַץ פאַר אַנדערע, וואָס האָבן שוין אַליין צוביסלעך
גענומען זיך אַרויסרוקן, און ווידער אַנדערע אַריינלאָזן.
דער איינציקער זיך נישט צו רירן איז געוועזן זאַוול,
און צי די שכנים האָבן זיך געביטן, צי דאָס ווייב אַפילו
האָט זיך באַזעצט אין קיך אַלס קעכן — ער איז אַלץ געבליבן,
און ס'איז נישט אים, נישט קיינעם איינגעפאַלן אַנדערש.
ווייל זאַוול, דער וואָס האָט אַ טאַטן שלום און אַ מאַמע ראַשע
און נאָך אַ ווייב דערצו, אַ חיה ריווע — יענער איז פאַרשוואונדן,
און ס'איז געבליבן זאַוול מיט די הענט און פיס און טעג,
וואָס זענען קיינעמס נישט און אַלעמענס, דער זאַוול פון דער שטאָט,
וואָס איז איר אייגנס ווי דער עירוב און דער פּלומפּ אין מאַרק אַמאָל
און גרייט פאַר אַלעמען, ווער ס'דאַרף אים האָבן —
און וואו זאָל ער דען נעכטיקן, אַז נישט אויף דער בית־מדרש־באַנק?
אַליין פאַר אים איז אַלץ דאָס אפשר נישט געוועזן אַזוי פּראָסט
און גאָרנישט אָן כּוונה האָט ער זיך געהאַלטן אין בית־מדרש:
זיך אויסגעהיט וואָס לענגער נישט צו דאַרפן זיין מיט איר,
און אויב דער שטאָט איז ניחא, איז עס אים אַוודאי ליב,
כאָטש חיה ריווען איז עס גאָרנישט ליב געווען.
זי האָט געפּרוווט אַפילו איינמאָל אָנדייטן, אַז ביידע — ער און זי —
זיי וואָלטן נישט געווען קיין פרעמדע אין דעם ווייסן הויז
און נישט די איינציקע, וואָס קלייבן זיך אַריין אין פרעמדע הייזער.
האָט ער זיך אָנגעכמורעט, האָט זי דאָס פאַרשלונגען
און נישט געבראַכט מער פאַרן מויל — און גוט האָט זי געטאָן:
ווייל ווען מ'האָט אָנגעהויבן שפּעטער מורמלען, אַז ס'איז גלייכער
אָן אַנדערער דעם פּלאַץ אין קיך אַוועקגעבן אָנשטאָט אַזאַ ווי זי,

און זאַוול האָט געטראָפֿן חיה ריוועןְ אַ פֿאַרוויינטע און פֿאַרשטאַנען,
אַז עפּעס איז אַהער דערגאַנגען, — האָט ער אָנגעהויבן אָפּטער
אַריינקומען אין קיך און סאַרווערן און וואַסער טראָגן,
ביז ס'איז געוואָרן שטיל. אויך דאָ איז עס געווען די מאַמע,
וואָס איז די ערשטע צוגעקומען מיט דער טענה און דעם זון
געחנפֿעט מיטן כּבוד, וואָס זי האָט פֿון אים,
אַז מ'האָט איר צוגעטיילט דעם שענסטן אָרט אין ווייבער־שול
און נאָר די שנור פֿאַרפֿינסטערט איר דאָס לעבן.
האָט זאַוול זי אַ פֿרעג געטאָן: — פֿון וואַנען ווייס מען עס?
— וואָס מיינסטו? מענטשן ווייסן שוין — האָט זי זיך אויסגעדרייט.
האָט ער זי שאַרפֿער אָנגעקוקט, פֿאַרשטאַנען און געזאָגט:
— האָסט דאָך אַליין מסתּמא אַלעמען דערציילט.
זי האָט געלייקנט, זיך צעוויינט פֿאַר אים און אָפּגעטראָגן.
האָט ער געוואוסט, אַז דאָס האָט זי זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ
פֿאַר שכנות און פֿאַר ווייבער אין דער שול און האָט געטראַכט:
— איר טוט דאָך אויכעט ווי דאָס איריקע... ס'טוט ווי...

און אַז די פֿרעמדע זעלנער זענען אָפּ־געטראָטן אויף אַן אמת
און מישא איז צוריקגעקומען, הויך און ברוין מיט אומעטיקע אויגן
האָט ער געטראָפֿן זאַוולען שלעפֿנדיק אַן עמער וואַסער,
און אים אַרומגעכאַפּט און זיך געקושט מיט אים.
און אַז מען האָט די ברעטער אָפּגעריסן פֿון די טירן,
אַרויסגעשלעפּט דאָס מעבל פֿונם קעלער און עס אויסגעשטעלט,
און ביידע האָבן מיטאַמאָל דערפֿילט אַ ליידיקייט,
אַ שרעקעדיקע ליידיקייט אין שטוב, האָט מישא אויפֿן קול
אַ טראַכט געטאָן: — אָט ווייסט איר גאָר? מיר וועלן דאָ
צערייננעמען אַ פּאָר געלעגער און ביז וואַנען אַ שפּיטאָל
וועט פֿאַרטיק ווערן, האַלטן דאָ אַ פּאָר חולאים, וואָס?
און אַז אויך זאַוול האָט עס איינגעזען און ביידע זענען זיי
געבליבן זיצן שטיל, איז אויסגעוואַקסן מיטאַמאָל פֿאַר אים
דער ברייטער תּהום, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט
פֿון זיינע יונגע יאָרן ביז צו אים, דעם מאַן אַצינד,
און ס'האָט גענומען אויפֿטאָגן אַ זין אין דעם, וואָס איז.

אָט זיצט דאָ מישא — שוין נישט מישא מער. דאָס ווייסע פּנים
פון יונגן דאָקטאָר איז פאַרבליבן אויף די זומערדיקע וועגן,
וואָס ליגן אויסגעברענט פון פייער ביזן שוואַרצן גרונט,
און דאָ איז אַ ברוינהויטיקער, אַ טונקל-באָרדיקער און הויכער מאַן,
און ס'קלינגט מיט ברוסטיקייט זיין קול. דערמאָנט זיך זאַוול אויך
ווי שוואַרץ באַוואַקסן איז זיין אייגן פּנים — ביידע זיצן זיי אַזוי,
צוויי שוואַרצע מענער — פאַר די אויגן זייערע דאָס הויז
פון יונגער פרייד פאַרוואַנדלט אין אַ קראַנקן-הויז,
אַרום — בלויז הורבעס שוואַרצע שטיינער אויף דער הוילער ערד,
די טויטע רעשטלעך פון די ווענט פון זייער שטאָט,
פאַר זיי — די וועלט אין וואונד און ווייטאָק אַ צעשלאָגענע,
און זיי, צוויי שוואַרצע מענער מיט דער לאַסט פון שטומען צער,
זיי גורטן זיך מיט כח אָן און קלייבן זיך אַנטקעגן גיין דער לייד,
וואָס האָט איר אָנהויב אין דער וויסטעניש פון אייגן הויז
און שפּרייט זיך אויס ווער ווייס צו וועלכן לאַנד און ים.
קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, און ס'איז געווען קלאָר פאַרביידן,
אַז וואָס דאָ זאָל נישט ווערן, בלייבט שוין זאַוול דאָ.
און אַז מען האָט גענומען אויפראַמען די סאַליע און דעם עסצימער
איז אויך געווען קלאָר, אַז איינס — דאָס צימער פון די מיידלעך —
וועט נישט אַריינעמען קיין פרעמדע געסט. דער אַלטער בוים,
אַ לעבעדיקער, האָט מיט רויטקייט פון אַ פריען הערבסט
אַריינגעקוקט אין אַלטן פענסטער, און אין ווינקל,
וואו ס'האָט אַמאָל די אויסגעהאָפטענע און ווייסע דעקע איינגערעקט
דאָס מיידלש בעט פון בעקאַן און דערנאָך — דער קליינער ליזע —
האָט איצט אַ גרויע זעלנערשע און אָפגעניצטע קאָלדרע צוגעדעקט
אַ זעלנערש בעטל און ס'איז פּוסט געווען און יום-טובדיק אין צימער
מיט קאַלטער יום-טובדיקייט פון שפּיטאָל. באַלד האָט מען זיי געבראַכט
פון בתי-מדרשים און פון קעלערס, אויסגעלייגט — אין עסצימער די מענער
און ווייבער אין דער סאַליע, שפּעטער אייך אין טאַטע-מאַמעס
און מישאַס צימער, מ'האָט אַ יידענע אַריינגעקראָגן צו די ווייבער,
און ס'האָבן טעג זיך אָנגעהויבן פון אַרומגיין ביי די קראַנקע,
פון לויפן אין דער קיך נאָך עסן, שלעפּן האָלץ און אָנהאַקן
די אויוונס איינצוהייצן, און אין פרייע שעהן לערנען זיך

די מינים וואַסערן און זאַלבן און געבריך פון טערמאָמעטער,
פון שפריצער, מאַרלע און באַנדאַזשן – טעג פון אַרבעטן צוזאַמען,
ווען ס'האָט זיך צייטנווייז געדאַכט, אַז אַלץ וואָס ווערט געטאָן,
ווערט מער געטאָן איינס פאַרן אַנדערן, ווי פאַר די קראַנקע דאָ,
און פון די ערנסטע און שטילע בליקן איז דער בונד געוואַקסן.
נאָר אויף דער נאַכט, ווען ס'פלעגן אָנקומען די לייט
פון בקור חולים, האָט זיך זאַוול אומגעקערט אין זיין בית-מדרש.
ביז מישאַ האָט אים ענדלעך אָפּגעשטעלט: – צו וואָס גייט איר אַהין?
פאַרוואָס ווילט איר נישט נעכטיקן מיט מיר אין צימער דאָ?
ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געשעמט זיך צו דערקלערן,
אַז ס'וואָלט געווען צופיל וואוילטאָג דאָ פאַר אים
און אָפּגעענטפערט: – גוט! אויף מאָרגן האָט ער זיך אַליין
צונויפגעקלאַפּט אַ טאַפּטשאַן, און אַנטקעגנאיבער מישאַן,
אין יענעם ווינקל, וואו ביים טיש אַמאָל האָט בעקא איבער אים
גע'טייטלט מיטן קליינעם פינגער אינם בוך, געמאַכט זיך אַ געלעגער.

אין אָווגוסט פלעגט ער בלייבן אָפּט אַליין. די שטאָט
האָט זיך געטומלט מיט אַסיפות: אַ שפּיטאָל און קיך און דירות
פאַר די, וואָס קומען אָן צוריק. דער דאָקטאָר איז געווען פאַרטאָן,
און זאַוול, מיד פון טאָג, פלעגט זיך אַוועקזעצן,
און טראַכטן: עפּעס איז פאַראַן, וואָס גיט אַ זין דעם לעבן
און מאַכט עס מער ווי ס'איז. אַמאָל אין קרייז פון יונגע לייט
איז אויך די רייד געווען פון לעבן מיט אַ זין, און אין די רייד אַליין
איז שוין געווען אַ שיינקייט, ווי דאָס אַ מגיין צווישן בלומען,
ווי זיס געזאַנג און אויגן מיידלשע. אַצינד איז עס נישט שיין.
עס חלומט זיך נישט מער, נאָר הארט און איינגעשפּאַרט
קומט אָן דאָס וויסן, אַז ס'איז דאָ אַ זין צו אַלעם, וואָס מען טוט,
און פון געדאַנק אַליין ווערט כּחדיקער, אָנגעגאָסענער די האַנט
און אויב ס'איז גוט, איז עס פון פאַרגעפיל, אַז שפּעטער
קומט נאָך מער מי און מאַטערניש. ס'איז גוט. און פון געדאַנק,
אַז ס'איז פאַראַן אַ זין, קומט אויף אַן אַנדערער: ס'דאַרף זיין אַ זין,
און ס'קוועלט אין אים. ביז איינמאָל אויף דער נאַכט

ליגט מישא אויף זיין בעט און זאַוול קוקט איבער און ער פילט
ער קאָן עס מער נישט איינשטיקן און ברומט אַרויס:
— דאָס לעבן דאַרף אַ זין האָבן. — דערהערט דער דאָקטאָר,
פאַרוואונדערט זיך און פרעגט ווי נישט געכאַפּט זיך:
— וואָס זאָגט איר, זאַוול? — כ׳זאָג: דאָס לעבן דאַרף אַ זין האָבן.
איצט קומט עס קלאָרער שוין. הערט מישאַ אויס און פרווט
מיט רואיקייט מאַסקירן זיין פאַרוואונדערונג און נייגיר:
— צו וואָס? — עס זאָל זיין גוט צו לעבן. ס׳זאָל זיך וועלן לעבן.
— אַזוי... און אייער לעבן האָט אַ זין? — איצט יאָ, איצט האָט עס.
— און פריער? — פריער נישט... פאַרטראַכט ער זיך, דער דאָקטאָר:
— אין וואָס באַשטייט דער זין? בלייבט זאַוול שטיין אַ ווייל:
— אין אַרבעטן. — און האָט איר פריער נישט געאַרבעט?
— געאַרבעט, יאָ. נאָר איצטער טו איך וואָס איך דאַרף.
— ווי ווייסט איר עס. — איך ווייס — און שווייגנדיק אַ ווייל —
איך ווייס, ווייל ס׳איז מיר גוט. דער דאָקטאָר שמייכלט
און טוט אַ פרעג: — און איך? מיין לעבן — מיינט איר — האָט אַ זין?
— איך מיין, אַז יאָ - זאָגט זאַוול. אַזוי זיכער איז ער וועגן מענטשן,
וואָס האָט אַזויפיל מער פון אים געלערנט און ער קען.
— ווייל כ׳טו וואָס איך באַדאַרף און ס׳איז מיר גוט, נישט אמת?
הערט זאַוול שוין דעם שמייכל, שרעקט זיך איבער און ער שווייגט.
און יענער, כאָטש ער ווייס, אַז ס׳איז אַ חטא, רעדט ווייטער:
— און דאָך איז עס נישט אמת. ווייל איר קאָנט אַמאָל טאָן אַלץ,
וואָס איר באַדאַרפט, נאָר דאָס אָרום, דאָס גאַנצע לעבן
איז אַזוי אָן זין, אַז וואָס איר זאָלט נישט טאָן
איז אַלץ נישט גוט. און ווידער איז פאַראַן אַ מאָל אַ ליידיקייט
אין אייך אַליין, וואָס האָט שוין גאָרנישט מיט דעם לעבן פון אַרום,
איז וואָס איר זאָלט נישט טאָן — איז בלויז געלייגט אַ לאַטע,
אַ לאַטע אויף אַ לאָך, און דאָרט איז פוסט און ס׳איז נישטאָ קיין זין...
געזאָגט אַזוי און זיך פאַרריכט אַ שולדיקער: אַ גוטע נאַכט!
און זאַוול האָט באַגריפן — נישט באַגריפן און געפילט:
ער וואָלט געדאַרפט פאַרשטיין צוליב דעם מענטש, וואָס ער האָט ליב,
און בעסער אָבער נישט פאַרשטיין — פון וועגן זיך אַליין,

און דאָך האָט ער געוואָלט פאַרשטיין. אים אָנגעהויבן נאָכקוקן,
געזען זיין אומעט און די זאָרג פאַר טאַטע־מאַמע, די פאַרוואָגלטע.
דערמאָנט זיך פון אַמאָל דעם אומרו זיינעם און די טענה בעקאָס,
אַז ער האָט עמיצן געלאָזן דאָרט – און טאַקע, וועמען האָט ער ליב,
דער מישאַ! – און געפרוווט עפּעס צונויפשטעלן פון אַלעם דעם.
און מישאַ ווידער האָט זינט יענער נאַכט שוין אפטער אָנגעהויבן
פאַרפירן שמועסן. דערציילט פון לעבן אין די גראָבנס,
פון דעם, ווי זיין דענשטשיק האָט אָפּגעמאַכט, אַז ס'איז שוין צייט
דעם דאָקטאָר זיך צו לאָזן פאַנגען פון דעם פיינט און איז אַוועק
פאָרויס מיט זיינע טשעמאָדאַנעס; פון דעם, ווי ער האָט שפּעטער
קוים אויסגעבעטלט וואו אַ הצמד אַ ווייבערשע; פון דעם, ווי ערגעץ
אין אַ פאַרנומען שטעטל האָט אַ שדכן אים גערעדט אַ שדוך.
דערציילט און מ'האָט געלאַכט, און ווייל ער האָט געפילט, ווי דאָס געלעכטער
פאַרדעקט דעם אומעט פון זיי ביידן, האָט זיך זאַוול אויך געפרוווט
אַזוינס עפּעס דערציילן פון זיין שטעטל און פאַרפּלאָנטערט זיך
דערמאַנענדיק זיין חתונה. איז ער געוואָרן רויט, און מישאַ
האָט כּלומרשט נישט דערהערט און אָנגעהויבן עפּעס אַנדערש
און ס'איז געווען גוט פון אים. צי ווייס ער דען נישט אַלץ?
ער האָט געזען ווי חיה ריווע קומט און שטייט אין קיך מיט אים,
געזען זיין מאַמע מיטן ברודער דאָ, געוואוסט וועגן זיין טאַטן,
אַז ער האָט אויסגעבויט אַ שפּייכלער פאַר די זאַכן אַלערליי
וואָס ער האָט פאַר אַ שיבוש אָפּגעקויפט ביים פרעמדן מיליטער.
האָט אַלץ געוואוסט אודאי, אָבער קיינמאָל נישט דערמאָנט,
ווי זאַוול האָט זיך אויסגעהיט דערמאַנען מיט אַ וואָרט
פון די, וואָס פעלן אין דעם הויז. און נישט אַזוי אַ דאַנקבאַרשאַפט
האָט ער געפילט צו אים ווי דעם בשותּפותדיקן ערנסט,
וואָס האַלט זיי ביידן ווי אַ נדר און מאַכט יום־טובדיק
די שווערע מי און הייליקער דעם זין פון זייערע טעג.

און ס'איז כּדאַי געווען. כּדאַי געווען דאָס אַלץ און מערער נאָך
פאַר דאָס, וואָס האָט געוואַרט אויף אים און אָפּגעצאָלט.
ווייל ווען ער איז געקומען צו זיך נאָך דער שווערער קרענק,

וואָס האָט אים אָפּגעהאַלטן וואָכן־לאַנג אויפן געלעגער,
איז ווער איז דאָס געשטאַנען איבער אים און אָנגעקוקט
מיט גרויסע בלויע אויגן? ס'איז געווען ווי אין אַ חלום –
דער קרויזן־שאָפּ, דאָס בלייכע פּנימל און דינע אַקסל –
און ערשט ווען ס'האָבן זיך פון חלום אויסגעשיילט אי פרײדע,
אַ גרויע און פאַרעלטערטע, אי מישאַ, אי די מאַמע אַ פאַרוויינטע,
און חיה ריווע אויך איז דאָ געווען – איז וואר געוואָרן
דער טונקל־בלאָנדער קאָפּ און ס'האָבן זיינע אויגן
זיך העל צעשמייכלט קעגן איר. איז חיה ריווע צוגעקומען
און זיך די ערשטע אָנגערופן: וואָס מאַכסטו איצטער זײַדל?
האָט ער זי אָנגעקוקט מיט גאָרנישט־זאָגנדיקע אויגן
און ווידער זיך צעשמייכלט קעגן ליזען, האָט איר פּנים
זיך אויסגעקרימט, זי האָט געזאָגט: איך וועל נאָך קומען – און אַוועק.
אַוועק – נאָר זי. און שפּעטער איז אַריין ר' חיים לייב אין אַלטן ראָק,
אַוועקגעשטעלט זיך לעבן בעט: – שלום־עליכם, זאָל!
אָט זעען מיר זיך ווידער! – האָט ער נאָכאַמאָל געשמייכלט
מיט לויטער־ווערנדיקע אויגן, דאַן איז גאָר אַן אומגעריכטער גאַסט
געשטאַנען פאַרן בעט: אַליין דער טאַטע האָט זיך צוגערוקט,
אַרומגעקוקט זיך און געמורמלט: נו, ס'איז דיר שוין בעסער?
און ביים אַוועקגיין האָט ער פון דער קעשענע אַרויסגעצויגן
אַ פּאָר פּאַפּירלעך, זיי פאַררוקט אונטערן קישן און געזאָגט:
– דו האָסט דאָך נישט, נו, וועסטו האָבן אויף הוצאות.
ער שטנאָכדעם אין דער שטיל איז ער געוואויר געוואָרן פון דער מאַמען,
ווי ס'איז צום טאַטן די ברייטהאַרציקייט געקומען, און דערביי
די פרייד געהאַט פון נאָך אַ נאָנטן אַ געפונענעם.
ווייל ס'איז אַזוי געווען: ווען מ'האָט פון קהל גענומען אויסרופן
די לייט, פאַר וועמען ס'איז געקומען געלט פון קרובים פון אַמעריקע,
האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָן שלום רימער האָט זיך אויך דערמאַנט
אַ זון, אַ שניידער דאָרט, און ס'איז די מאַמע צוגעשטאַנען:
– וואָס דאַרפסטו משהס געלט? וואָס פעלט דיר קיין עין־הרע?
אָט ליגט אַ קינד אונזערס, אַ נוטה למות, גיב עס אים אַוועק.
און אַז די טרערן האָבן נישט געהאָלפן, היינט און מאָרגן נישט,

האָט זי נישט אויסגעהאַלטן, איז אַוועק צום רב. ר׳ יאָסעלע,
און אויסגעגאָסן גאָר דאָס האַרץ פאַר אים. איז מען פון רב
געקומען נאָכן טאַטן, און דער רב — דאָס האָט דערציילט דער טאַטע־
האָט אים געבעטן זיצן און געפרעגט: — ווי גייט עס אין פרנסה?
— צו ביסלעך. גאָט צו דאַנקען — האָט געזאָגט דער טאַטע, און געמיינט
אָט וועט ער ביי אים בעטן אַ נדבה. נאָר דער רב האָט גאָר געפרעגט:
און וואָס מאַכט אייער זון? — ווערט גאָר דער טאַטע אַ צעטומלטער
און שווייגט. דאַן זאָגט דער רב: — נישט רעכט אַזוי, ר׳ שלום.
כרחם אב על בנים. און אַ זון אַ כשר האַרץ. גייט, זעט דעם זון.
און אַז דעם טאַטנס האַרץ וועט זיך משנה זיין לטוב
וועט אויך דער אויבערשטער אים שיקן אַ רפואה שלמה.
אַזוי האָט מען דעם בייזן טאַטן אויך צו אים געבראַכט,
און אויפגעכאַפּט זיך איינמאָל אַ פרימאָרגן, האָט ער זיך דערזען
אַרומגערינגלט מיט אַזויפיל נאָענטע און אַזויפיל ליבשאַפט,
אַז דאָס אַליין איז מער אַ נס געווען ווי זיין געזונט ווערן.
און אַז די זון האָט זיך צעלייגט אין העלע פלעקן אויף די ווענט,
און זאַוול, אויפגעזעצט זיך אויפן בעט, האָט דורכן פענסטער
דערזען די פרישע בלעטער אויפן אַלטן בוים — איז אַלץ
געווען וואונדערלעך און פול מיט נסים, האָט ער זיך צוריק געלייגט,
און ליגנדיק מיט צוגעמאַכטע אויגן, זיך געטראַכט:
בעגאַנגען איז אַ מענטש איבער אַ וויסטן וועג, מיט צונג און גומען
פון דורשט פאַרטריקנט, און געפאַלן אין חלשות אויף אַ שטיין
און ס׳האָט די נאַכט אים איינגעדעקט צום שלאָף, צום פינסטערן.
און פלוצלינג עפנט ער די אויגן און דערזעט —
אי גרינע פעלדער אין דער זון, אי קלאָרע וואַסערן, אי בלומען,
אי גוטע מענטשן אים אַנטקעגנקומען מיט אַ פרייד —
אַזוי ווי אין אַ וואונדער־מעשהלע.

**א**ון שפּעטער
איז ליזע נעבן אים געזעסן איינמאָל און געזאָגט פאַרטראַכט:
— אַז איר וועט גאָר געזונט ווערן, וועט איר מיר אַלץ דערציילן.
האָט ער זי אָנגעקוקט און זיך דערמאָנט דאָס וואונדער־מעשהלע

און אָפּגעשמייכלט: – בין איך שוין געזונט און קאָן דערציילן.
און אַז די אויגן אירע זענען העל און ברייט געוואָרן,
האָט אים צום האַרצן צוגעשלאָגן, האָט ער אָנגעהויבן:

אַז מ'האָט אונז פון דער היים אַוועקגעטריבן
זיינען מיר אַוועקגעגאַנגען און געגאַנגען זייער לאַנג
ביז מ'איז געקומען אין אַ פרעמדן אָרט צו פרעמדע מענטשן.
האָבן מיר נישט געהאַט וואָס צו עסן און וואו צו שלאָפן
און מיר איז געווען זייער שלעכט. און דאָרט אַרום איז
געווען אַ גרויסער וואַלד,
בין איך אַוועק אַהין אין וואַלד אַריין,
אַליין אַהין אין גרויסן וויסטן וואַלד און בין דאָרט
אומגעגאַנגען.
– איר מיינט עס מיט אַן אמת? – אמת – ענטפערט זאַוול.
– און איר זענט גאָר געווען אַליין? – אַליין? – פרעגט ער זי איבער –
ניין, שפּעטער בין איך נישט געווען אַליין.
מיט מיר צוזאַמען איז געווען אַ בער, אַ גרויסער בער.

– אַ בער? – קוקט ליזע אָן – און איר האָט גאָר זיך נישט געשראָקן?
פון אָנהויב האָב איך זיך געשראָקן. איך בין געגאַנגען
דורכן וואַלד
און ער איז מיר נאָכגעגאַנגען. האָב איך גענומען לויפן,
איז ער מיר נאָכגעלאָפן. און געלאָפן און געלאָפן –
אַלץ נאָך מיר. ביז איך האָב קיין כח נישט געהאַט און
אומגעפאַלן.
איז ער צוגעלאָפן צו מיר – און איך האָב געמיינט –
ער וויל מיך אויפעסן. אָבער אים איז גאָר געווען אומעטיק,
און ער האָט מיך גענומען קושן, לעקן מיט דער צונג,
און אַרומגענומען מיט די לאַפּעס, און ער האָט מיך נישט
אָפּגעלאָזט,
האָב איך שוין געמוזט גיין מיט אים און זיין מיט אים
אין וואַלד.

קוקט ליזע, קוקט, צעשמייכלט זיך און לאַכט זיך העל פאַנאַנדער:
— ס'איז דאָך אַן אויסגעטראַכטע מעשה-לאַכט זי... גייט שוין, גייט!
שווייגט זאַוול, קוקט אויף איר און זאָגט: — און אפשר ניין?
און אפשר איז עס גאָר אַן אמת?-אַן אמת מיטן בער?-אַוודאי.
ער זאָגט עס אַזוי ערנסט. ווייסט זי נישט, וואָס אים צו ענטפערן
און זאָגט: — טאָ אויב ס'איז אמת, וואָס זשע איז דער סוף געווען?

— דער סוף? דעם בער איז גוט געווען מיט מיר.
נאָר מיר מיט אים — נישט גוט. האָבן מיך זיך געראַנגלט,
ווייל ער האָט געוואָלט איך זאָל אַלע מאָל זיין מיט אים
און שוין אויף אייביק בלייבן אין וואַלד, אין וויסטן וואַלד,
און איך האָב געבענקט אַהיים, אַהער צוריק, אַהיים.
האָב איך געוואָלט אַנטלויפן און ער האָט מיר נישט געלאָזט,
ער וואָלט מיך אפשר געווען דערשטיקט פון ליבשאַפט.
האָב איך איינמאָל געכאַפט אַ האָלץ, אַ גרויסן האָלץ,
און אים דערלאַנגט איבערן קאָפּ. איז ער געלאָפן אין חלשות
און איך בין אַנטלאָפן און געקומען צוריק אַהער, אַהיים.

— און ער? דער בער? — דער בער איז דאָרט געבליבן. — לעבט ער?
— מסתמא לעבט ער. יאָ, ער לעבט אַוודאי. — טראַכט זי נאָך אַ ווייל,
און האַלב אַליין זיך שפּילנדיק אין קינדישקייט, פאַרענדיקט זי:
— איז בענקט ער דאָך נאָך אייך. נישט גוט געווען אַזוי צו טאָן.
ער האָט אייך ליב געהאַט — און איר אים מיט אַ האָלץ איבערן קאָפּ,
און זענט אַנטלאָפן. פע, נישט שיין! — זי זאָגט עס אָפּ
האַלב שפּילנדיק און האַלב אַליין פאַרטראַכט. נאָר זאַוול קוקט זי אָן
מיט וואָלקנדיקע אויגן און זאָגט נאָך: קאָן זיין, איר זענט גערעכט.
ער מאַכט די אויגן צו — אַן אָנשטעל, ווי ער זאָל פאַרשלאָפט ווערן —
און ס'איז נישט גוט. וואוהין איז ער פאַרקראָכן? האָט געמיינט
פאַרענדיקן מיט יענעם מענטש, וואָס כאַפּט זיך אויף אין זון,
און דאָ האָט זי, נישט פילנדיק, אַזוינס אַריינגעזאָגט...
און אָט איז דער נס און וואונדער! ווייל ער עס פאַרטרייבן
און קוקט דורך שמאָלע אויגן-שפּאַלטן. זעט פאַרשוואומענע
איר פנים און דעם קאָפּ, פאַרמאַכט די אויגן — און אַזוי,

מיט צוגעמאַכטע דעקלעך — זעט ער זי — און ס׳וואַקסט צוריק
די פרייד אויפן צוריקגעקומען: זי איז דאָך שוין אַ גרויסע
און ווי זאָל ער איר זאָגן: „דו״ צי „איר״. ער זאָגט גאָר:
שיין אין גאַס. פאַרוואָס גייט ליזע נישט שפּאַצירן?
זייט בעסער זיצן דאָ, מיט אים.
זי זיצט אָפּ שעהן לאַנג,
און פון די שמועסן מיט איר דערוואוסט ער זיך, אין וועלכע שטעט
זיי זענען אויסגעווען און ווי מען איז צוריקגעקומען און וואו בעקאַ איז—
ער ווייסט שוין אַלץ. און אַז די מוטער אירע קומט אַריין,
דערקענט ער, אַז אויך אַלץ, וואָס איז מיט אים געשען,
איז נישט קיין סוד אין הויז. עס טרעפט זיך — ביידע שטייען: פריידע
און חיה ריווע. דרייט ער אויס דעם קאָפּ און ס׳ברענט אין אים.
נאָר פריידעס אויגן זענען מוטערלעך, און אירע הענט
באַרירן אים אַזוי, ווי יענערס וואָלט קיינמאָל זיך נישט צוגערירט
און נישט פאַראומריינט. איז ער דאַנקבאַר פאַר דער מאַמישקייט
און ס׳גלויבט זיך ווידער אין דעם נס, וואָס איז געשען.

ס׳האָט נאָך גענומען צייט ביז וואַנען מ׳האָט פון לעצטן חדר
אַרויסגעפירט די קראַנקע אין שפּיטאָל, וואָס מ׳האָט געמאַכט
פון אַן אַמאָליקער קאַזאַרמע (דאָרט איז אויך די קיך געוואָרן,
דער בית־יתומים און דאָס קהל־שטיבל), מ׳האָט אָפּגעפרישט דאָס הויז
און באַלד איז זאַוול אויך אַוועק: אַראָפּ פון בעט
און אין אַ טאָג צי צוויי — אַוועק. נישט ווייל ער איז אין הויז
צו לאַסט געפאַלן, נאָר ס׳איז אים אַליין געוואָרן שווער.
ר׳ חיים לייב האָט נישט געהאַט צו וואָס צו נעמען זיך אויפסניי
און אומגעשפּייזט אַ מרה־שחורהדיקער. פון דער גרויסער סאַליע
האָט מען דעם דאָקטאָר אָפּגעצאַמט אַ ווינקל פאַר אַ קאַבינעט,
און פריירע האָט געקלאָגט פאַר זאַוולען:—ווייניק וואָס ער האָרעוועט
אַזויפיל אין שפּיטאָל — דאַרף ער נאָך אויסהאַלטן די שטוב
האָט זאַוול זיך אַרויסגעקליבן. איצט איז אויך דער טאַטע
געווען צופרידן מיטן זון און וואָלט אים גערן צוגענומען,
אָן איר, פאַרשטייט זיך. אמת, אַז דאָס נייע הויז

וואָס שלום רימער, איצט ר׳ שלום, האָט זיך אָנגעהויבן בויען,
וועט פּאַרטיק ווערן ערשט צו ווינטער און דערווייל האָט מען געוואוינט
ביי גויים אין אַ אויפּערשטיבל, אָבער פאַר דעם זון
וואָלט נאָך געווען פּלאַץ און ס׳איז שוין צייט פאַר אים
צו טאָן עפּעס פאַר זיך, און מיט אַ פען אין האַנט
וואָלט ער דעם טאַטן שטאַרק צו נוץ געקומען. אָבער זאַוול
האָט אָפּגעגעסן ביי דער מאַמען וואַרעמעס און איז אַוועק
צו חיה ריווען. אָפּגעזעסן דאָרט אַ ווייל — ווי אויסגעוואַקסן איז דאָס קינד! —
און מיט די טרעפּ אַרויף צום דאָקטאָר אין שפּיטאָל.
— ווי קוקט ערשט אויס די וועלט? — האָט מישאַ זיך אַ פרעג געטאָן.
ער האָט געשמייכלט און געזאָגט: אַז איך בין שוין אַרויס דערפון
און האָב נישט מער קיין מורא, קאָן איך דאָך שוין בלייבן דאָ.
האָט יענער זיך צעלאַכט, אַרומגענומען מיט דער לינקער האַנט
זיין אַקסל און זיין רעכטע מיט דער רעכטער האַנט געדריקט.

אַז די געדיכטע קרויזן זענען ווידער אָפּגעוואַקסן
און זאַוולס קאָפּ האָט אויסגעזען צוריק ווי פון אַ שוואַרצן שעפּס,
האָט ליזע איינמאָל קוקנדיק אויף אים גענומען לאַכן,
און אַז די מאַמע האָט געפרעגט: — וואָס לאַכסטו, נאַרעלע? —
האָט זי געענטפערט: — ס׳האָט זיך מיר דערמאַנט, ווי דעמאָלט
ווען זאַוול איז צו אונז געקומען, האָב איך זיך דערשראָקן
פאַר זיינע האָר. — האָט יעדערער ביים טיש — און זאַוול אויך —
צעשמייכלט זיך, און פאַר די אויגן זענען אויפגעשוואומען יענע טעג,
ווען מ׳איז, נישט וויסנדיק דערפון, אין גליק אַרומגעגאַנגען,
און ס׳איז געוואָרן שטיל. ביז פריידע האָט אַ צי געטאָן דעם אָטעם,
אַ זיפץ באַהאַלטנדיק, און מיט אַ מוטערלעכן איינשטעל אָנגעהויבן:
— נישט צום פאַרזינדיקן! ווען זאַוול זאָל נאָר וועלן
וואָלט ער געמעגט אַצינדערט אויך אַמאָל די פידל ברענגען.
ס׳האָט אָפּגעקלונגען אומגעריכט און פרעמד, און זי,
דערוואַרטנדיק דעם אָפּקלאַנג פון איר איינשטעל, האָט די אויגן
פון איינעם אויפן אַנדערן געצילט. און אַז דער דאָקטאָר
האָט מיט אַ שיין פון דאַנק צו איר די בליקן אויפגעהויבן,

איז איר געוואָרן לייכט און זי האָט נאָכאַמאָל געזאָגט:
— איך מיין עס מיט אַן אמת. אָט מוצאי שבועות, אי״ה,
וועט זאַוול מיטבריינגען די פידל און מ׳עט ווידער ווי אַמאָל
פאַרברענגען דאָ. — דער פאָטער האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט,
נאָר ליזע האָט זיך אָנגעצונדן און געקלעפּט צו זאַוולען:
— אַ יאָ?

עס איז געווען אַ גנבה — דאָס אַרויסשלעפּן די פידל
פון אונטער חיה ריוועס בעט, וואו ס׳איז געשטאַנען ווי אַ משכּן,
און לויפנדיק אין גאַס מיט דעם ביינאַכט, האָט ער געפילט,
אַז עפּעס גרעסער פון דעם שאַכטל האָט ער ביי איר צוגעגנבעט,
און מיט דעם ערשטן ציטער פון די סטרונעס דאָרט אין הויז,
וועט אַלץ, וואָס איז נאָך צווישן זיי געהאָנגען ווי אַ פאָדים,
צעשניטן ווערן, ווי אַ שער זאָל עס צעשניידן. בלייך ווי קאַלך
האָט ער די גנבה אָפּגעשטעקט אין פריידעס האַנט
און נישט געלאָזט אַפילו פרעגן, וואָס אים איז. אַריין,
אַוועקגעגעבן און אַרויס.
דערנאָך די קיך פאַרבייגעלאָפן,
אויס מורא חיה ריוועס צו באַגעגענען. וואָס מער אָבער די שולד
האָט זיך אין מח איינגעגעסן, שטאַרקער איז געוואָרן דאָס געפיל,
אַז ערגעץ אויסער אים איז דאָ אַ תשובה אויף דעם ליגן,
און נאָכגישט ווייסנדיק אין וואָס באַשטייט די תשובה, זיך געגרייט
צו דער מינוט, ווען ס׳וועט דער ליגן פּלאַצן, און דערווייל
באַפעסטיקט זיך אין דער באַרעכטיקונג פון ליגן. ערב יום־טוב,
אַז פריידע האָט פון יוצא־וועגן מיטן האַלבן מויל געפרעגט:
— איר ווילט מסתמא חיה ריוועס רופן? — האָט ער נישט געטראַכט
און אָפּגעשניטן: — ניין. זי וועט נישט גיין! און אין איר אָננעמען
דעם קורצן פסק אַזוי און איר נישט זאָגן קיינמאָל „אייער ווייב",
צי „אייער חיה ריווע" און איר צונעמען ביי אים די פידל,
האָט ער געפילט אַ שותּפות אין איר, ווי ס׳וואָלט אַ שטילער אָפּמאַך
געווען צווישן זייביידן און באַפעסטיקט אים אין דעם,
וואָס ער אַליין דאַרף נאָך באַרעכטיקן.

די האַנט האָט זיך געטרייסלט,
ס'האָט אים דאָס לייב געציטערט, ווען ער האָט די פידל אָנגענומען,
און אונטער האַרטע אָפּגעוואוינטע פינגער האָט דער ערשטער קלאַנג
אַ סקריפּ געטאָן, ווי ס'וואָלט דער אומרו פון זיין בלוט געסקריפּעט
זיך שלאָגנדיק צום מח — אַ מינוט האָט אים געדאַכט —
ער וועט עס באַלד פון האַנט אַרויסלאָזן און אומפאַלן.
האָט אָפּגעלאָזט אַ ווייל, געאָטעמט, אָנגעהויבן עפּעס שטיל,
גאָר שטיל, ווי ער זאָל וועלן זיך אַליין פאַרגאַרן, און דערפילט
ווי פריידעס אויגן גייען אום אויף זיינע הענט
און לויז אויך קוקט נאָך. ניין, ליזען וויל ער נישט. האָט מורא
פאַר אירע אויגן ווי פאַר אַ נייעם אומרו. אָבער פריידעס בליק
שטילט איין, באַרואיקט און ער נעמט אים, גיט אים נאָך
און ס'הערט זיך שוין אַ קלאַנג, אַ קלאָרער זינגענדיקער קלאַנג,
און נאָכגעיאָגט אים מיט אַן אַנדערן, א פעסטערן — און זיכערער
צעלאָזט זיך מיט אַ גאַנצן ווירוואר טומלדיקע, שרייענדיקע,
פאַרטויבנדיקע קלאַנגען, ווי מיט שטאַרקע הענט צערייסנדיק
דער אומרו, אים פאַרשרייענדיק, אַריבערשרייענדיק
מיט עפּעס, וואָס מען מוז אַרויסשרייען און זאָל אַ סוף נעמען!
פאַרסאָפּעט אָפּגעשטעלט זיך. גוט. איצט דאַרף ער קיינעם נישט.
ער קוקט זיך אום אויף אַלעמען, ווי לאָזנדיק זיי וויסן,
אַז ער איז דאָ צוריק און ס'איז שוין צייט פאַר אים
צו זאָגן וואָס ער דאַרף. ער גיט אַ צי און ס'זאָגט זיך:

אָט זענען מיר דאָך אַלע ווידער דאָ.
מיט גרויע פּאַסמעס האָר אין קאָפּ,
מיט בלייכע פּנימער און קנייטשן אויף די שטערנס,
מיט אויגן טרויעריקע,
מיט האַרטע הענט און שווערע רוקנס —
וואָס מאַכט עס אויס,
אַבי מיר זענען אַלע ווידער דאָ.

די היים האָט ביז די שטיינער אָפּגעברענט
און מיר האָבן געוואָגלט אין דער פרעמד.

פאַרוואָרפן צווישן פרעמדע לייט
האָט יעדערער געשלעפט זיין פּאַק
און צייכנס זענען אונז געבליבן אויף די רוקנס –
וואָס מאַכט עס אויס –
אַבי מיר זענען ווידער דאָ.

פאַרלאָזן איז געשטאַנען אונזער הויז.
און אויפגעעפנט האָט מען עס פאַר קרעכצן פון חולאים
און אין די צימערן איז אומגעגאַנגען שטיל
דער בייזער טויט,
נאָר אונזער הויז האָט ווידער זיך באַנייט פאַר אונז –
וואָס מאַכט עס אויס –
אַבי מיר זענען אַלע ווידער דאָ.

און פלוצלינג זיך דערמאָנט אָן עפּעס און ס׳רעדט ווייטער:

און איך אַליין – אַ גנב בין צוריקגעקומען.
נישט נאָר די טעג און נעכט האָב איך געגנבעט,
נאָר פון מיין גורל האָב איך גנבענען געמוזט
אַפילו אָט די שפּילנדיקע כלי צו דערציילן
פון מיר און פון מיין גנבה אין דער נאַכט.
וואָס מאַכט עס אויס –
אַבי מיר זענען אַלע ווידער דאָ.

אין דרויסן זענען מענטשן דורכגעגאַנגען און זיך צוגעהערט.
האָט עמיצער געזאָגט: – אַ גביר איז דאָך אַ גביר און מאַכט זיך פריילעך.
און נאָך איינער איז שטיין געבליבן און געזאָגט: נו, דאַנקען גאָט!
מען קאָן שוין אַמאָל הערן פידל-שפּילן אין אַ יידיש הויז.

---